בס״ד

# מענה אל הלב

די איינגערינגלטע נומערן (0) אינעם בריוו

באצוען זיך צום חלק א׳ פונעם בריוו מיטן נאמען *״ומלתם את ערלת לבבכם״*

אין די יעצטיגע טעג פארט ארום א בריוו, מיט א קעפל: **מלב אל לב**, און עס איז אונטערגעשריבן דורך אוהדי וידידי בית סקווירא.

אין דעם בריוו ווענדן זיך די אוהדים און ידידים לבית סקווירא, צו אחינו בני ישראל בכל מקומות מושבותיהם מיט א הארציגע בקשה, און מיר האבן גענומען די מיה עס דורכצולייענען, און אצינד ווילן מיר ווידמען עטליכע שורות און זיך באציען צו דעם בריוו.

און היות אז דער בריוו איז געשריבן זייער הארציג, און בעט זיך ברחמים ובתחנונים, דעריבער, איידער מיר וועלן זיך באציען צום תוכן המכתב, וועלן מיר צוערשט זיך באציען צו דעם עצם מציאות פון דעם הארציגן בריוו.

דער גאון וצדיק ר' מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל פלעגט נאכזאגן א משל, אז אין אייראפע, נאך איינע פון די מלחמות, איז דער גרעניץ צווישן פוילן און רוסלאנד געווארן גערוקט, און עס האט זיך יעצט געפונען ממש ביים ווינקל פון א אידישע שטאט. אבער צום אומגליק פון די שטאט'ס מענטשן, איז דער בית החיים געווען שוין אויף דער צווייטער זייט גרעניץ, אזוי אז עס איז געווען זייער שווער מיט'ן דורכפירן לוויות.

נאך אסאך יארן פון שווערע ארבעט און מיט גרויס שתדלנות האט מען גע'פועל'ט, אז ביי א לוי' זאל מען דורך לאזן דעם ארון אן קיין שהיות. די אידן פון שטאט האבן עס גוט אויסגענוצט און מען האט כסדר אריבערגעפירט ארונות אנגעפילט מיט סחורה צום אנדערן זייט גרעניץ און אזוי האט זיך אנטוויקלט א גוטער שמוגל ביזנעס.

איין טאג ביי א לוי' האבן די שומרים ביים גרעניץ באמערקט אז קיינער פון די מלוים וויינט נישט, פארקערט גאר, זיי לאכן ארום. האבן זיי געהייסן עפענען דעם ארון, אבער די מלווים האבן געשריגן, 'כבוד המת', ווי קען מען שענדן און פארשעמען דעם נפטר דורך עפענען דעם ארון. עס האט אבער נישט געהאלפן און מען האט געפאדערט צו עפענען דעם ארון.

ווען די מלוים האבן געזעהן אז עס איז נישטא קיין ברירה, האבן זיי אלע אנגעהויבן וויינען, זיי האבן פארשטאנען אז יעצט גייט מען זיי אלע איינזעצן אין תפיסה. ווען די וועכטערס האבן דאס געזעהן האבן זיי אנגעהויבן שרייען, שוטים וואס איר זענט, יעצט וויינט איר? ווען איר וועט וויינען פריער וואלט דאך אלעס אריבערגעגאנגען אן קיין פראבלעם, מיר וואלטן אייך קיינמאל נישט אפגעשטעלט.

-

דאס זעלבע איז דא טייערע ידידים און אוהדים. ווען איר וואלט ווען גענוצט דעם מעטאד מיט פינף יאר צוריק וואלט עס אפשר עפעס אויפגעטון, אבער יעצט? נאך פינף יאר רדיפות האט איר זיך דערמאנט צו וויינען?

אין די תורה ווערט אויסגערעכנט די דרכי המלחמה. צוערשט קומט דורן, נאכדעם תפילה און ערשט דערנאך קומט מלחמה. מיט פינף יאר צוריק האט נישט אויסגעפעלט מער ווי אביסעלע דורן, אבער די ראשי החסידות פון וועמען איר זענט ידידים און מעריצים האבן נישט געוואלט. זיי האבן ליבערשט געוואלט פייניגן און נוהג זיין בדרכי מלחמה. יעצט, נאך וואס זיי האבן פארלוירן קומט איר וויינען? יעצט בעט איר זיך אז מען זאל רחמנות האבן און נישט חרוב מאכן דעם שטעטל?

יעצט איז שוין צו שפעט!

די זאכן קומען מיט א סדר, אזוי לערנט אונז די תורה הק'. עס איז פשוט שכל'דיג, אז מען גייט מן הקל אל הכבד. צו ערשט רעדט מען שיין, און מען דאוונט צום רבונו של עולם און נאר נאכדעם גייט מען אין מלחמה. אויב אבער מען הייבט אן מיט מלחמה און יענער געווינט די מלחמה, קען מען נישט נאכדעם קומען און זיך בעטן. יעצט איז יענער א געווינער.

## און יעצט וועלן מיר צוגיין צום תוכן המכתב

מיר וועלן שטעלן אויף די חזקה אז די וואס האבן דאס געשריבן זענען טאקע באמת אנשים תמימים, אוהדי וידידי בית סקווירא, און נישט די מאכערס וועלכע האבן אנגעזייעט טערארר די לעצטערע יארן, און זיי ווייסן באמת

נישט וואס נאך עס ליגט אלס אונטער דעם. און לפי זה וועלן מיר זיך באציען אין אונזער אנטווארט.

**אט איז דער לשון המכתב, מיט אונזערע הגהות. די לענגערע הגהות האבן מיר געשריבן באזונדער, לויט נומערן:**

**(1)** [אייער תירוץ איז טאקע גוט, אבער עס זענען פאראן נאך תירוצים:

עס איז נישט קיין סוד אז די סקווירא הויף איז ליידער געווען חרוב געווארן, אזויווי פילע אנדערע חסיד'ישע הויפן וועלכע האבן געשפרודלט אין רוסלאנד מיט טויזנטער חסידים. ווען הרה"ק מ'סקווירא איז אנגעקומען קיין אמעריקא האט ער ליידער נישט געהאט מיט וועמען צוריק אויפצושטעלן א הויף און צוריק שטעלן א המשכה לבית אבותיו.

נאר זייענדיג באקאנט, נאך פונדערהיים, אלס איש קדוש, האבן זיך פילע אונגארישע אידן צוגעטשעפעט צו אים און געווארן זיינע חסידים. אבער היות אז אין שטאט זענען געווען נאך פילע קהילות און הויפן, האט עס פארשווערט דעם ארבעט פון אויפשטעלן א נייעם חסיד'ישן חצר. אבער אין אן אייגענעם שטעטל ווערט דאס פיל גרינגער. יא טאקע ווייל די קינדער זענען נישט אויסגעשטעלט צו זעהן עפעס אנדערש, און די עלטערן דאווענען נישט איין וואך דא און איין וואך ערגעץ אנדערש.

פאר דעם טאקע איז געווען גאר וויכטיג אן אייגענעם שטעטל.

נאך א סיבה דערצו, ווי עס האבן דערציילט פילע עלטערע חסידים, איז געווען דאס אז עס האט דערם רבי'ן געקרענקט ביז די נשמה, די אלימות וואס איז שוין דעמאלס ליידער פארגעקומען ביי געוויסע קהילות. דער סקווערער רבי זצ"ל איז ווי באקאנט, געווען א רך הלבב אויפן העכסטן דרגא. יעדער סארט ווילדקייט האט אים געשטערט. סיי וועלכע סארט ווייטון א איד האט אים געקרענקט און ער איז אוועק געשטאנען פון דעם כמטחוי קשת.

עס איז גענוג צו דערציילן איין מעשה. דער סקווערער רבי זצ"ל איז אמאל געפארן אויף שבת קיין קראון הייטס. מען האט ארויסגענומען א פלאץ פאר די תפילות און טישן און מודיע געווען פאר'ן ציבור וואו עס וועט פארקומען.

אבער דאן האט עפעס פאסירט. הרה"ח ר' דויד פעלבערבוים ע"ה, מותיקי חסידי קאסאן ומראשוני התושבים בשיכון סקווירא, איז געוואר געווארן אז דאס ארט וואו דער טיש גייט פארקומען איז אמאל געווען א קירכע. קענענדיג דעם רבי'ן האט ר' דויד געוואוסט אז אויב וועט דער רבי דאס געוואויר ווערן וועט ער עס נישט אויסהאלטן, און וויבאלד ר' דויד האט באמת ליב געהאט דעם רבי'ן, איז ער אריין צום רבי'ן שטילערהייט און אים דערציילט.

יעצט האט דער רבי געהאט א דילעמא. פון איין זייט האט ער נישט געוואלט אריינגיין אין דעם מקום, פון די אנדערע זייט אבער, אויב וועט מען דינגען א צווייטן מקום וועט ער ווייטון דעם איד פון וועמען מען האט געדינגען דעם ערשטן מקום. וואס האט דער רבי געטון? ער האט קיינעם נישט דערציילט גארנישט, און ווען עס איז געקומען למעשה האט ער געזאגט אז ער וועט דאווענען און פירן אלע טישן נאר אין דעם בית האכסניא.

אזוי האט ער פארדינט ביידע. סיי ער איז נישט אריין אין א מקום טומאה און סיי אז ער האט נישט ווי געטון א איד. דאס איז געווען גאר א שווערע זאך, ווייל אין דעם בית האכסניא איז ממש נישט געווען קיין פלאץ און רוב אידן האבן טאקע נישט געקענט אריינגיין. אבער פארט האט עס דער רבי געטון.

אט האט איר איין דוגמא ווי שטארק דער סקווערער רבי זצ"ל איז אוועק געשטאנען פון ווי טון אידן. און דאס איז געווען איינס פון די שטארקע סיבות וועלכע האבן אים געשטופט איבערצולאזן דעם שטאט און גיין אין גלות.]

**(2)** [אמת טאקע, אין שיכון סקווירא זעהט מען טאקע דאס אלעס. אבער א שפאציר אין שיכון כתר, אינגאנצן געציילטע מינוט צו פארן פון שיכון סקווירא, וועט אויפדעקן דעם זעלבן בילד. די זעלבע איידעלע פנימ'ער פון קינדער בחורים און אינגעלייט, די זעלבע צניעות'דיגע און באשיידענע מיידלעך און פרויען. און אזוי אויך אין אלע אנדערע קהילות קדושות בישראל. און צו דעם וועלן מיר צולייגן, אז גראדע זעהט מען אויך אנדערע סארט פנימ'ער אין שיכון סקווירא. און אויב איר ווילט זיך נישט דארפן מוטשען זיי צו טרעפן, דאן כאפט אייך אריין סיי וועלכן טאג ביי שחרית אין קהל אור חיים אויף 18 פארשעי. (א באזוך אמאל ביינאכט ביי 7-11 וועלן מיר נישט רעקאמענדירן. דאס איז אויף אייער אייגענע אחריות]

**(3)** [ריכטיג טאקע, און דערפאר וואונדערן מיר זיך מער ווי אביסל, וויאזוי געוויסע עלעמענטן אין שיכון סקווירא האבן ערלויבט אויפצובויען א זאל אין שיכון, וועלכע ציעט גאר שוואכע עלמענטן, און אזוי אויך א גרויסן מעדיקל צענטער, וועלכע ברענגט אהין פרוצות פון אלע סארטן און פון אלע פעלקער. און עס האבן שוין געוויינט אויף דעם מערערע פון די עלטערע סקווירא חסידים, טאקע פון דעם ערשטן דור מייסדי הקרי'. וואו זענען דעמאלס געווען די אוהדי וידידי בית סקווירא, דעמאלס האבן זיי נישט מורא געהאט פון צוברעכן דעם

חומת הקדושה? איז עס נאר א צווייטער רבי וואס קען צוברעכן חומות הקדושה?

נאך מער די אלע הונדערטער הייזער וואס שקל הקודש צוזאמען מיט נאך צענדליגער חסידי סקווירא האבן אפגעקויפט ארום שיכון סקווירא פון אלע פיר זייטן, און עס אנגעפילט מיט כל צרוע וכל זב, פון די נידעריגסטע סארט, און פולע פון די הייזער האבן סווימינג פולס, ממש אונטערן פענסטער פון די 3 און 4 שטאקיגע הייזער פונעם הייליגן שיכון, וואו עס שווימען נישט קיין אנדערע נאר די טענענטס וועמען סקווירא האט דארט אריינגעשטעלט. וואו זענען די גדרי הקדושה און חומות הצניעות???]

**(4)** [אנטשולדיגט מיר, אדער זענט איר נישט באקאנט, אדער זענט איר סתם שקרנים. פאר פילע יארן האבן פרומע אידן, שומרי תורה ומצוות, זיך באזעצט גאנץ נאנט צו שיכון סקווירא. עס איז דא א ליטווישע בית המדרש בערך א האלבע מייל פון שיכון סקווירא, וועלכע פונקציאנירט שוין פאר העכער פופצן יאר. נאר בערך זיבן יאר צוריק האבן געוויסע מענטשן אין שיכון סקווירא זיך געכאפט אז מען קומט אן צו נאנט צום שטעטל און, פאר סיי וועלכע סיבות, איז עס נישט אין זייערע אינטערעסן, און מען האט מפרסם געווען א בקשה אין פילע אידישע אויסגאבעס בעטנדיג אז מען זאל נישט קומען וואוינען אין די מייל פון סקווירא. און דאס איז בשעת וועז עס האבן שוין געוואוינט פילע מאדערנע און ליטווישע אידן אין דעם מייל. סיי קעגן איבער, אויף די אנדערע זייט פונעם רוט 45, און סיי ביי די אנדערע זייט, אריבער די ניו העמפסטעד גאס]

**(5)** [ווידער זענען די שורות דא אומפארשטענדליך. פון וועלכן געגענט רעדט איר, פון די אנדערע געגענטער ארום סקווירא. אין ניו העמפסטעד? דארט פארשפרייט זיך אידישקייט ב"ה אויף א שנעלן פארנעם, פונקט ווי אין אלע אנדערע געגענטער ארום מאנסי. חוץ פון די הייזער ווי געוויסע סקווירא עסקנים האבן מצליח געווען צו פארטרייבן די ערליכע, ליטווישע איינוואוינער, דורך אפקויפן די דערנעבנדיגע הייזער, און אויפשטעלן שווים באסיינען אין די בעקיארדס, און עס פארדינגען פאר די נידריגסטע עלעמענטן, זיכער מאכנדיג אז די אידישע שכנים זאלן קיינמאל נישט קענען ארויסשטעקן דעם נאז אויף א שבת אדער יום טוב נאכמיטאג. ביי די הייזער פארשפרייט זיך טאקע נישט דער אידישער געגענט אזוי שנעל, ווייל די ליטווישע אידן זענען אויך ערליך און געבן זיך אכטונג די אויגן, און זענען גרייט צו נעמען א שאדן, ווי איידער איינצושטעלן די יראת שמים פון זיך און זייערע קינדער. אויסער די הייזער פארשפרייט זיך אידישקייט דארט פונקט אזוי שנעל ווי אין אלע אנדערע געגנטער.

ווידער אויב רעדט איר פון דעם נייעם געגענט אין הילקרעסט, גרייזט איר ווידער. עס האט טאקע געוואוינט עטליכע יאר ביז מענטשן האבן זיך אנגעהויבן אריינציען, פשוט ווייל מען האט מורא געהאט פון טעראר, פון די וואס שרייבן נישט הארציגע בריוון, נאר באנוצן זיך אנשטאט מיט אנדערע מעטאדן. אבער איינמאל עס האט זיך אנגעהויבן רוקן, האט זיך נאך דערוויל יעדעס הויז פארקויפט פאר א איד. קע"ה עס וואוינען שוין ארום פופציג ערליכע, חסיד'ישע אידן אין דעם געגענט, תחת חסותו והדרכתו פון כ"ק אדמו"ר שליט"א. ממש מסלתה ומשמנה פון דאס יהדות החרדית האבן זיך טאקע דא באזעצט, און ווען נאר עס ווערט אוועילעבל נאך א הויז, וואקסט די געגנט מיט נאך א משפחה. אלזא, אפשר ווילט איר זיך אויסקלארן וואס איר האט געמיינט דא.]

**(6)** [ליידער איז דער גאנצער לעצטער פאראגראף פאלש און פארפירעריש. דער מציאות איז אז עס רעדט זיך גארנישט פון איינצלנע און אויך נישט פון א יחיד. ווי מיר וועלן ערלקערן.

מיט עטליכע יאר צוריק האט כ"ק רבינו שליט"א איינגעזעהן פאר ריכטיג אריבערצופירן ביתו נאוה קודש, אינאיינעם מיט בית מדרשו, וואו ער האט פארשפרייט תורה און חסידות פאר א האלב יובל יארן.

רבינו שליט"א האט דירעקט געזוכט א מקום וואו ער וועט נישט ווייטון קיין שום אידיש קינד. ער האט נישט געוואלט גיין אין קיין שום געגענט וואו עס איז שוין דא א שול, ווייל אפשר וועט עס יענעם ווייטון. רבינו שליט"א האט געוואלט דירעקט גיין אין א געגענט וואו עס זענען נאכנישט דא קיין אידן, וויסנדיג אז שמו הטוב הולך לפניו, זייענדיג א מרביץ תורה וחסידות פאר קרוב צו פערציג יאר פאר תלמידיו ושומעי לקחו, האט ער געוואוסט אז אויב ער וועט זיך באזעצן אין א נייע געגענט, וועלן אנדערע אידן, אריינגערעכנט אנשי שלומו, זיך קומען באזעצן דארט.

אין די זעלבע צייט האט געהערשט אין מאנסי (אזוי ווי אין גאנץ ניו יארק) א שרעקליכער האוזינג קריזיס, א דירות מאנגל. דאס האט ארויפגעשרויפט די פרייזן פון הייזער און דירות אויף א שרעקליכן פארנעם אזוי אז אויב איז מען נישט קיין גביר, קען מען כמעט נישט צוקומען צו קויפן א הויז.

כלל ישראל – נישט פארהאן קיין גרעסער רבים וואו דעם – האט געזוכט אלע מיטלען צו לינדערן דעם שרעקליכן מאנגל – הונדערטער עסקנים פון אלע שיכטן און קרייזן (נישט קיין יחידים), האבן זיך געוואנדן צו פילע בראוקערס, בעטנדיג בתחנונים אז מען זאל טרעפן נייע געגענטער, וואו די פרייזן זענען ביליגער, וואו מען זאל קענען גרינדן א נייעם ישוב, וואו קינדער געבענטשטע

משפחות בני תורה זאלן זיך קענען ערלויבן אן אחוזת קרקע וואו צו קענען אויפציען זייערע קינדער.

און דאן האבן עטליכע פון די בראוקערס געהערט אז כ"ק רבינו שליט"א זוכט אויך אזא מקום. דוקא ערגעץ וואו עס איז נאך נישט דא קיין שום אנדערע בית המדרש.

מען איז געקומען צו רבינו שליט"א און אים אנגעטראגן א שיינעם, גרויסן הויז, פונקט צוגעפאסט צו זיינע געברויכן, פאר א חסיד'ישן הויף מיט א בית מדרש און מקוה. און דערצו פאר גאר א צוגענגליכן פרייז, און רבינו שליט"א איז איינגעגאנגען דערויף.

אבער די לעצטע מינוט איז רבינו שליט"א געוואר געווארן אז דאס הויז געפונט זיך אין דעם מייל פון שיכון סקווירא. דער רבי האט תיכף ומיד אנולירט דעם מקח און אנגעהויבן פון פריש זוכן א הויז. כאטש וואס די בראוקערס האבן אים געווארנט אז אויב ער גייט ווייטער וועט ער מזן צאלן מער, און אנדערע האבן סתם אזוי גע'טענה'ט אז סקווירא האט בכלל נישט קיין רשות צו פאדערן אזא בקשה.

אבער רבינו שליט"א איז געשטאנען אויף דעם. איך וויל נישט ווי טון קיינעם. אפילו אויב יענער האט נישט קיין רעכט.

מען האט ווייטער געזוכט ביז מען האט געטראפן דעם יעצטיגן הויז. אבער יעצט האט דער בראוקער זיך געוואלט פארזיכערן אז דער מקח פאלט נישט דורך, האט ער זיך פארבינדן פון מ.ב. פון די ראשי הקהילה פון סקווירא, און אים געזאגט וואס די רעדע איז. אז רבינו שליט"א קוקט אויף דעם הויז, און ער וויל וויסן צו עס איז דא א פראבלעם מצד קהילת סקווירא. מ.ב. האט אויסגעפרעגט וואו עס איז און פארזיכערט אז עס איז נישט דא קיין שום פראבלעם.

מיט דעם זיכערקייט האט מען אונטערגעשריבן דעם קאנטראקט. די זעלבע וואך וואס מען האט אונטערגעשריבן קאנטראקט האט שוין מ.ב. זיך פארבונדן מיט איינעם פון קהילת קאסאן אין ברוקלין און זיכער געמאכט צו מען האט טאקע גע'חתמ'עט דעם קאנטראקט.

פון דעמאלס, ביז אכט חדשים שפעטער האט מען גארנישט געהערט פון קיינעם פון קהילת סקווירא. אינצווישן האט רבינו שליט"א פארמאכט דעם בית המדרש אין פלעטבוש, זיך איינגעפאקט און זיך געגרייט זיך אריבעצוציען צום נייעם מקום. מען האט אויך געמאכט פלענער פאר דעם בית המדרש און מקוה און עס איינגעגעבן צו די לאקאלע באהערדע.

נאך עפעס וואס האט פאסירט אין די געציילטע חדשים, צענדליגער אידן האבן געקויפט הייזער אין דעם געגענט. וויסנדיג אז רבינו שליט"א וועט דארט קובע זיין משכנו, האבן זיי געשפירט זיכער אז דארט וועט מען קענען מגדל זיין קינדער אויף דעם אלטן, אויסגעטרעטענעם וועג, האט מען ממש צוכאפט יעדעס הויז וואס איז נאר געווען שייך.

אבער דאן האט עפעס פאסירט. כלל ישראל איז אלעמאל געווען געבענטשט מיט אזעלכע מענטשן וואס די ספרים הק' רופן אן: כת החנפים. פון אייביג אן האט מען זיך ביטערליך אנגעליטן פון די מענטשן. ווי עס זעהט אויס האט איינער פון די חברה זיך צעפירט די הענט און האט אנגערעדט ביי כ"ק אדמו"ר מ'סקווירא שליט"א, אויף כ"ק רבינו שליט"א, כאילו אז רבינו שליט"א קומט דא אין זיין געגענט, מיט עפעס חשבון מהרס צו זיין די חומות פון שיכון סקווירא.

בשעת מען איז געווען פארנומען מיט'ן זיך אריינציען אין דעם נייעם הויז, איז אנגעקומען א טעלעפאן רוף צו איינעם פון די מקורבים ביי רבינו שליט"א, טאקע פון דעם אויבנדערמאנטן מ.ב., אז זאכן האבן זיך געטוישט. זיין רבי איז געוואר געווארן דערפון און ער איז נישט מסכים דערצו. ממילא איז נישט דא קיין ברירה נאר רבינו שליט"א וועט זיך מוזן אוועק ציען פון דא.

איך גלייב אז מיר דארפן נישט ערקלערן וואס אזא בקשה מיינט. רבינו שליט"א איז שוין נישט קיין יונגערמאן, דערצו ליידט ער אויף די הארץ און אזא סארט פיזור הנפש, ווען מען ווייסט נישט וואו מען לייגט דעם קומענדיגן טריט, איז גאר גאר א שווערע זאך.

אבער פונדעסטוועגן, לפנים משורת הדין, האט רבינו שליט"א מסכים געווען. היות אז די אנדערע משפחות האט זיך נאך קיינער נישט געהאט אריינגעצויגן, האט רבינו שליט"א געשפירט אז ער מעג עס טון. ער האט אבער אזויפיל געבעטן, אז היות דאס גייט אים אפקאסטן א מטבע, און דאס געלט איז נישט עקסטער מצוי ביי אים, זאל מען אים כאטש פארגיטיגן דעם שאדן.

פארשטייט גוט. מען רעדט דא פון א רבי'ן, א מרביץ תורה וחסידות פאר קרוב צו פערציג יאר, ווען מען האט געגעבן 'רשות' (איך געב רשות פאר אייך צו קויפן הויז אין לעיקוואוד...) צו קומען דא, און דערנאך האט מען נאך די העזה צו קומען מיט אזא אבסורדאלע פאדערונג, אז 'איך האב טאקע געזאגט, אבער איך האב געטשענדזשט מיין מיינד'. און מיט דעם אלעם איז דער רבי גרייט צו גיין. ער וואלט דאך געקענט בעטן אפטריט געלט, אבער ער האט אפילו דאס נישט געטון, בלויז געבעטן צו דעקן די שאדן.

אבער אפילו דעם ביסל איז מען נישט גרייט געווען צו טון.

מיט'ן אויסרייד אז "איך שיק דיך נישט. דו קענסט בלייבן אויב דו ווילסט, אבער דעם רבי'ן טוט עס וויי". מיט דעם אויסרייד קומט אויס אז איך בין דיר גארנישט שולדיג. דו קענסט בלייבן. נאר אויב דו ווילסט גיין קענסטו

גיין. איז אויב דו ווילסט אליינס גיין פארוואס עפעס זאל איך דיר דעקן דיין שאדן.

טייערער איד, אויב איר זענט באמת א תמימות'דיגער, אוהד און מעריץ לבית סקווירא, וועלן אייך די ווערטער זיין אומגלויבליך, ווייל עס גלייבט זיך אייך אפשר נישט אז די ראשי הקהילה פון די קהילה וואס איר האט אזוי ליב, זאלן זיך אזוי אויפפירן, אבער פארט איז עס א מציאות.

בלית ברירה איז רבינו שליט"א געבליבן אויפן ארט. נישט קיין שום רצון מהרס צו זיין קיין שום חומות, נישט קיין שום גבורה אדער הנאה צו צוברעכן סיי וועלכע קהילה אדער דעם מושג פון הנהגה, נאר פשוט בלית ברירה.

אבער נאכדעם וואס מען האט נאכאמאל מבטיח געווען פאר רבינו שליט"א אז ער איז נישט מחויב צו גיין, און נאר אויב ער וויל צוליב טון פאר דעם סקווערער רבי, און נאכדעם וואס מען האט אים פשוט נישט געגעבן קיין שום ברירה נאר צו בלייבן, האבן זיך זאכן ארויסגעשטעלט צו זיין אינגאנצן אנדערש.

מען האט זיך אנגעהויבן פארבונדן מיט יעדן איינעם וואס האט געקויפט א הויז אינעם געגענט און אנגעהויבן אויסאיבן דריק אויף יענעם אז ער זאל זיך נישט אריבערציען צו דעם געגענט. אנגעהויבן האט עס זיך מיט טעלעפאנען, פון דארט איז עס געגאנגען צו באזוכן און סטראשערייען. מען האט גערופן די עלטערן און שוויגער עלטערן פון די יונגע פאמיליעס וועלכע האבן שוין קוים געווארט צו האבן אן אייגענעם דאך אויפן קאפ און מען האט זיי אנגעשראקן ביז זיי האבן געבעטן די קינדער נישט צו גיין.

ווען אויך דאס האט נישט געהאלפן האט מען געלייגט דרוק אויף געוויסע מוסדות זאלן ווארענען די עלטערן זיך נישט אריינצוציען אין דעם געגענט.

נישט קיין וואונדער אז אויף אזא אופן האט גענומען איבער א יאר ביז די ערשטע פאמיליע האט זיך אריינגעצויגן אינעם געגענט. ביים אנהייב איז עס טאקע געגאנגען שווער און שטייט, כל התחלות קשות, בפרט ווען עס איז דא אזא גרויסער מלאך העומד לשטן. אבער ב"ה אשר לא הניח שבט הרשע על גורל הצדיקים און דער כח פון איומים, הפחדות און טעראר האט זיך געבראכן און ערליכע אידישע פאמיליעס האבן זיך גענומען אריינציען אינעם געגענט.

אדרבא כאפט נאר א שפאציר אינעם געגענט וועט איר זעהן פון וואס מען רעדט, אידן בני תורה, מלמדים, מנהלים, מגידי שיעור און פשוט'ע ערליכע ארבייטער וואס הכרת פניהם ענתה בהם אויף זייער ערליכקייט און יראת שמים. אזעלכע אידן וואס וואלטן זיך קיינמאל נישט געקענט ערלויבן א הויז אין סיי וועלכען אנדערן געגענט, האבן דא געטראפן א מקום מנוחה, וואו זיי שטייגן כסדר ברוחניות, צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס, תחת הדרכתו פון מרן רבינו שליט"א.

אלזא, עס איז נישט קיין יחיד, נאר דוקא א גרויסער רבים, עס איז גאנץ כלל ישראל הנאנחים והנאנקים אז זיי האבן נישט קיין קורת גג אויפצוציען זייערע קינדערלעך. קיינער ווערט נישט פארפירט פון קיין שום יחיד, יעדער האט געוואוסט פונקטליך פון וואס מען רעדט, מען איז געגאנגען אינדרויסן פון דעם מייל, מיט די קלארע רשות פון מ.ב.

און קיינער ברענגט נישט קיין שום געפאר פארן עתיד פון דעם שטעטל, איבערהויפט טאקע ווען עס איז פארהאן דארט א חסיד'ישער הויף, וועלכע שטייט בראשות כ"ק רבינו שליט"א, וועלכער געבעט אכטונג אויף דעם אידישקייט אינעם געגענט אז עס זאל זיך פירן על דרך ישראל סבא, אזוי אז קיינער האט נישט וואס מורא צו האבן פון די אידן וועלכע וואוינען ביים גרעניץ פונעם מייל. בפרט נאך ווען עס זענען דא הונדערטער אנדערע פאמיליעס פיל נענטער צום שטעטל.

**(7)** מיר האבן זיך גראדע שטארק אריינגעלייגט אין דעם ענין און מברר געווען בבירור גמור אז עס איז נישט טויזנטער תושבי השיכון, ווייל ממש רוב רובם פון תושבי השיכון שטערט עס אינגאנצן נישט. עס איז ממש א קליינער מיעוט, א מספר קטן מאוד, פון די תושבי השיכון – צוזאמען מיט נאך עפעס א יחיד אין מאנסי וועלכער ווערט געשטופט דורך די פאר יחידים אין שיכון – פאר וועמען עס טוט וויי.

פארקערט, פאר רוב תושבי השיכון, ווי רוב חסידי סקווירא בכלל, טוט וויי דער גאנצער טעראר קאמפיין וואס מען פירט קעגן רבינו שליט"א און די תושבי שכונת הילקרעסט, שוין פאר העכער פינף יאר. נישט ווייל עס טוט זיי וויי די מציאות פון הנהגה ביי כלל ישראל, נאר ווייל עס טוט זיי וויי ווען מען פארשעמט זיי אן זייער רשות, און אלס אין נאמען פון די תורה.

**(8)** פון וועלכע ערשיינונגען רעדט איר דא? די אלע עלעמענטן וועלכע איר האט דא דערמאנט פריער, האבן נישט קיין שום זיק און שייכות צו שכונת הילקרעסט און רבינו שליט"א. אדרבא, מיר זענען נישט אזוי ווייט, קומט אריבער און קוקט אייך אום וועט איר זעהט די איידלקייט פון די איינוואוינער פון אונזער געגענט. אויב דרייען זיך ביי אייך אין שטעטל, אין די געשעפטן אדער אויף די גאסן, שעדליכע עלעמענטן, איז איינס פון די דריי. אדער זענען זיי פון די אנדערע געגענטער ארום סקווירא, וועלכע זענען, ווי אויבנדערמאנט, פיל נענטער צו סקווירא ווי הילקרעסט; אדער זענען זיי אנגעברענגט געווארן דורך

דעם זאל און דעם מעדיקל צענטער, ביים איינגאנג פון שטעטל, אויף די שטח פון שטעטל; אדער זענען זיי פשוט מכם ובכם, אייגענע סחורה.

**(9)** מיר זענען מוחה אויף די ווערטער, וועלכע זענען אן אנדייטונג אז די וועלכע שטיצן דעם קאמפיין און זענען תורם מנדבת ליבם הטהורה אויפצושטעלן חצר הקודש פון רבינו שליט"א און וועקשטעלן א יסוד איתן פאר דעם הערליכן, ערליכן געגענט, זענען קעגן דעם מושג פון הנהגה ביי כלל ישראל און דרייען זיך ארום מיט האס געפילן צו גדולי ישראל. דאס איז א ריכטיגע הוצאות שם רע. (נאכאמאל, מיר גלייבן אז איר ווייסט פשוט נישט דעם אמת, דערפאר זענען מיר דא אייך אויפצוקלערן. אדרבא, קומט אריבער, מיר וועלן אייך ווייזן דעם אמת און איר וועט זיך קענען אליינס איבערצייגן.)

תושבי שכונתינו זענען פון דאס בעסטע וואס כלל ישראל פארמאגט און ווילן דוקא א שטארקע און ערליכע הנהגה ביי כלל ישראל, דורך גדולי ישראל. זיי זענען אידן וואס טוען זיך פרייוויליג אונטערווארפן אונטער די הנהגה פון גדולי ישראל בכל מקומות מושבותיהם.

פילע פון די תורמים קענען אונזער געגענט און האבן זיך איבערצייגט אין איר אייגענארטיגקייט און דערפאר שטיצן זיי עס, אנדערע ווידער זענען תלמידים און מעריצים פון רבינו שליט"א און פון בית קאסאן בכלל. אבער אלע זענען ערליכע אידן וועלכע סרים למשמעתם פון גדולי ישראל.

**(10)** די וועלכע טוען זיך אויס די פארטייאישע גלעזער און ווילן זעהן געהויבענע אינגעלייט לשם ולתפארת ביי כלל ישראל טוען אוועק שטיין פון יעדן סארט טערארר און דרכי אלימות. ביי זיי רעדט נאר דרכי נועם ודרכי שלום. עפעס וואס דער בריוו טוט פרעטענדירן צו טון, איגנארירנדיג די רדיפות פון די לעצטע פינף א האלב יאר.

די וועלכע ווילן זעהן געהויבענע אינגעלייט ביי כלל ישראל קומען קיין הילקרעסט און קוקן זיך אום און באוואונדערן וואס מען האט אויפגעשטעלט דא די לעצטע פינף יאר, מיט מסירת נפש און סייעתא דשמיא. זיי באוואונדערן די דערהויבענע אינגעלייט וועלכע דרייען זיך דא, וועלכע וואוינען דא און זענען דא מחנך זייערע קינדער, זיי זאלן אויך זיין בעז"ה דערהויבענע אינגעלייט.

**(11)** ווען איר לייענט דעם בריוו און איר קומט אן צו דעם פראגע, פרעגט אייך אליינס אן אנדערע פראגע. אז מען האט געקענט לייזן דעם אזויגערופענעם פראבלעם פאר אפאר טאלער, אבער עס איז נישט גענוג וויכטיג געווען, און אנשטאט דעם האט מען גע'רודפ'ט צענדליגער ערליכע, אידישע פאמיליעס פאר אזויפיל יאר, ובראשם א רבי א בנן של קדושים וטהורים, צו וויל איך ווייטער האבן א חלק אין די רדיפות? צו וויל איך העלפן די וואס מאכן אן אזויפיל עגמת נפש פאר א גאנצע אידישע געגענט?

**(12)** צו וויל איך זיין א טייל פון עפעס וואס איגנארירט די גאנצע תורה הק' און טרעט אויף אלע מצוות שבין אדם לחבירו און אויף דעם גאנצן תורת החסידות, און אלעס בשם חסידות? צו וויל איך העלפן די רדיפות ווייטער אנגיין און איגנארירן די געפיהלן פון די ערליכע משפחות וואס זוכן נאר דאס זעלבע וואס ערליכע משפחות אין שיכון סקווירא זוכן?

**(13)** צו וויל איך נעמען אן אייביגן שותפות אין פרובירן אונטערברענגען א אידישע ישוב נאר דערפאר וויל געוויסע יחידים האבן באשלאסן אז עס איז צו נאנט צו שיכון סקווירא? און גלייכצייטיג איגנארירן אנדערע געגנטער וועלכע זענען אפילו נענטער צו איר? צו בין איך גרייט צו לאזן באשמוצן דעם נאמען סקווירא און דעם נאמען פון רבינו הק' זצ"ל דורך אים מאכן אויקוקן ווי אן אנטיסעמיט א שונא ישראל?

**(14)** החכם עיניו בראשו... אויב איר קלערט נאך צו איר זענט מחויב צו געבן געלט פאר דעם קאמפיין לייענט ווייטער:

מיר האבן זיך גענומען די מיה דורכצוגיין דעם בריוו און אפענטפערן די נקודות וואס ווערן דארט ארויסגעברענגט. אבער טראץ דעם אלעם שפירן מיר פאר וויכטיג אז עס איז נאך געבליבן נקודות וואס מען דארף אויסשמועסן. און היות מיר גלייבן אז איר זענט בעלי דעת, וואו עס זעהט אויס פון אייער הארציגן בריוו וואס איר האט געשריבן, וועלן מיר זיך פרובירן אויסשמועסן מיט אייך.

מיר אנטשולדיגן זיך פון פאראויס אויב מיר רעדן אביסל מיט ווייטאג, כי מרוב שיחי וכעסי דברתי. יא מיר רעדן טאקע מיט פיל ווייטאג, צוליב מערערע סיבות.

די גאנצע חסיד'ישע גאס האלט שוין מיט, שוין העכער פינף יאר, דעם קאמפיין און מסע השמצה וועלכע ווערט געפירט אנטקעגן רבינו שליט"א, פאר די איינע חטא אז ער האט זיך ארייגעצויגן אין א געגענט וועלכע איז למורת רוחו פון געוויסע אידן.

יעצט, מיר זאגן געוויסע אידן, נישט ווייל מיר זענען מזלזל חלילה אין דעם כבוד פון כ"ק אדמו"ר מ'סקווירא שליט"א, נאר פשוט ווייל מיר ווייסן באמת נישט ווער עס

איז באמת דער וואס איז עומד בראש פון די מערכה. עס גלייבט זיך אונז שווער אז עס איז טאקע דער סקווירער רבי שליט"א, פשוט ווייל מיר קענען שום אופן נישט גלייבן אז א מנהיג פון טויזנטער אידן זאל צולאזן צו טון די זאכן וואס זענען דא אפגעטון געווארן אין זיין נאמען אין די לעצטע איבער פינף יאר.

יא, מיר ווייסן אז דער סקווירא רבי שליט"א האט געזאגט אז זיין פאטער הרה"ק מ'סקווירא זצ"ל, האט נישט געוואלט אז אנדערע אידן זאלן וואוינען נעבן שטעטל. איז ערשטנס, אויף ווי ווייט מיר ווייסן זאגט נישט דער סקווירער רבי שליט"א, אז זיין טאטע האט אים דאס קלאר געזאגט, נאר אז ער האט אזוי פארשטאנען פון אים. מיר גלייבן אז ער האלט אזוי באמת. אבער מיר ווילן זיך באציען אביסל צו דעם, און טאקע רעדנדיג צו אייך, אוהדי וידידי בית סקווירא.

כידוע האט דער סקוויראר רבי זצ"ל געהאט דריי קינדער, אויסער דער רבי שליט"א, האט ער אויך געהאט צוויי איידעמער. הרה"ק מ'וויזניץ זצ"ל, און כ"ק אדמו"ר מ'ראחמיסטריווקא.ביידע פון די האבן קיינמאל נישט געהערט פון זייער שווער אזא זאך, און דוקא האדמו"ר מ'ראחמיסטרוויקא שליט"א - וועלכער איז געווען שטארק מעורב בתוך הענינים ביים אויפשטעלן דעם שטעטל - האט קלאר געזאגט פאר אידן וועלכע האבן אים געפרעגט, אז דער שווער האט נישט אזוי געהאלטן.

ווידער, אין דעם בריוו שרייבט איר אז מחשבתו ניכרת מתוך מעשיו. מיר האלטן אויך אזוי. אויב וואלט דער סקווערער רבי זצ"ל געוואלט וואוינען ממש אפגעשיידט פון אנדערע אידן, אויף אזא אופן אז אפילו צענדליגער יארן שפעטער זאלן אידן נישט וואוינען בשכינות פון שטעטל, וואלט ער דאך געדארפט מאכן זיין שטעטל ערגעץ גאר ווייט אין די מרחקים, אזוי אז נאר זיינע חסידים זאלן קומען אהין.

דערווייל האט עס דער רבי געמאכט אינגאנצן עטליכע מינוט פון מאנסי, וועלכע איז שוין דאן געווען א אידישער ישוב. מען האט זיך אפילו באנוצט מיט די מאנסי'ער סערוויסעס פאר די ערשטע שטיק צייט. מיט די מקוה און אנדערע זאכן. פון דעם זעהט אויס אז דער רבי האט טאקע געוואלט א אייגענעם שטעטל, אבער עס האט אים נישט געשטערט אויב - ווען דער שטעטל איז שוין גרויס און אוועק געשטעלט - עס וועלן זיך באזעצן מיט די יארן נאך אידן נעבן דעם שטעטל.

נאך מער, ווי מיר האבן שוין דערמאנט, האבן עטליכע פון די עלטערע חסידים, פון דעם דור ראשון פון די תושבים דערציילט, אז דער רבי האט דוקא געוואלט זיין נעבן מאנסי, נעבן בית מדרש עליון און מען האט שוין כמעט אפגעקויפט א שטח ממש סמוך ונראה צו די ישיבה, נאר דאן איז אונטערגעקומען דער שטח פון דעם יעצטיגן שטעטל, וועלכע איז פיל גרעסער, און פאר פיל ביליגער.

ווען מען האט געבויעט דעם נייעם בית המדרש אין שיכון האט מען געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער בויעט אזוי גרויס, האט ער געזאגט אז עס וועט נאך זיין קליין איין טאג. זעען מיר אז ער האט יא געזעהן דעם עתיד. אויב אזוי האט ער דאך אויך געזעהן אז דאס אידישע מאנסי וועט זיך אויסשפרייטן ביז שיכון סקווירא או פארט האט ער עס דארט געמאכט. און געוויסע עלטערע אידן דערציילן טאקע אז ער אליין האט געזאגט אז עס וועט נאך פאסירן. ורוח הקודש הופיע בבית מדרשו, ווען מען זעהט טאקע ווי עס ווערט היינט מקוים.

יעצט לאמיר גיין מיט א טריט ווייטער. פון די ערשטע איינוואוינער אין שטעטל איז געווען הרה"ח ר' דויד פעלבערבוים ז"ל, א פארצייטישער איד, א פייערדיגער קאסאנ'ער חסיד. אין די ערשטע יארן פון שטעטל האט זיך שוין געמאכט אז געוויסע שוטים וחסרי דעת האבן אים נישט געוואלט לאזן דאווענען פאר'ן עמוד שבת ביי זיין טאטנ'ס יארצייט, ווייל ער האט געדאווענט נוסח קאסאן.

זעענדיג אז מען לאזט אים נישט דאווענען פאר'ן עמוד האט ער באשלאסן אוועקצופארן אויף שבת און ער איז אריין אל הקודש פנימה זיך געזעגענען. ווען דער סקווערער רבי ז"ל האט געהערט פארוואס ער פארט, האט ער אים געהייסן בלייבן: "דו וועסט דא דאווענען פאר'ן עמוד" האט דער רבי אים געזאגט.

צו פסוקי דזמרה האט מען אים טאקע צוגעשיקט, אבער נישט צו שוכן עד. ווען עס איז געקומען צו שוכן עד, האט ר' דויד אוועק שפאצירט פון עמוד. אבער פלוצלינג האט זיך געעפענט דאס טיר פון דאוון צימער און אין איר האט זיך באוויזן צורת קדשו פון הרה"ק מ'סקווירא. א זאך וואס ער האט קיינמאל נישט געטון. ער אליינס האט צוגעשיקט ר' דויד'ן צום עמוד, און מיט דעם געשיקט א מעסעדזש פאר די שוטים וועלכע האבן געוואלט זיך צעפירן די הענט און זיך אננעמען פאר כבוד בית סקווירא. מיט דעם האט דער רבי זצ"ל געוויזן וואס ביי אים מיינט כבוד סקווירא.

ביי עטליכע געלעגענהייטן האט דער סקווערער רבי זצ"ל מפסיק געווען אינמיטן שולחנו הטהור און ארויסגעלאפן אינדרויסן און נישט געענדיגט דעם טיש, ווייל מען האט זיך געשלאגן פאר נארישע כבוד עניינים. פאר איינעם וואס ווייסט וואסערע עבודה דער טיש איז געווען ביים סקווערער רבי'ן זצ"ל, איז דאס גאר א שטארקער סטעיטמענט. דאס ענין פון אויסרעדן ביים טיש איז ביי אים געווען זייער הארב. און מיט דעם אלעם האט ער אמאל מפסיק געווען און אנגעשריגן איינעם פון די גבאים.

דאס איז געווען ווען דער גבאי האט געגעבן א פאטש פאר א קינד, וואס איז זיך דעם קינד געקומען. אבער פארט האט דער רבי זצ"ל זיך אפגעשטעלט אינמיטן טיש און אנגעשריגן דעם גבאי: "איך האב דיך געברענגט אהער צו שלאגן אידישע קינדער?"

אט דאס זענען עטליכע דוגמאות פון דרכו והנהגתו הקדושה פון דעם סקווערער רבי'ן זצ"ל. צו זאגן אויף אזא איד אז ער האט נישט געוואלט אז אנדערע געווייקטע חסיד'ישע אידן זאלן וואוינען א מייל אוועק פון שטעטל איז א ריכטיגע זלזול אין זיין כבוד. און צו טראכטן אז ער וואלט צוגעלאזט סיי וועלכע אלימות אויף אזא זאך איז עכטע הוצאות שם רע און זלזול אין צדיקים און אין גדולי ישראל.

אויב כ"ק אדמו"ר מ'סקווירא שליט"א גלייבט אז מען טאר נישט וואוינען אין דעם מייל פון סקווירא, זענען מיר אוודאי נישט דא זיך צו קריגן מיט אים. און דערפאר האט רבינו שליט"א געוואלט גיין דוקא ארויס פון דעם מייל. און אז מען גייט אויף די גאס איז נישטא קיין וועג אנצוקומען צום בית המדרש אין הילקרעסט אונטער א מייל. פארקערט, דער קורצסטער וועג איז ארום א מייל און א פערטל. און דאס אויך שוין נאר נוצנדיג שארט קאטס. אן קיין שארט קאט איז עס כמעט גאנצע צוויי מייל.

אבער דא האט מען זיך געשטעלט אויף דעם וואס אין די לופטן איז עס וויניגער פון א מייל. און הערשט האט מען געגעבן קלאר רשות אויף דעם און נאר צוריק געצויגן דערפון ווען מען האט זיך שוין אריבערגעצויגן אהער. און מיט דעם אלעם איז מען געווען גרייט אוועק צו גיין.

מען איז געקומען צו אונז מיט טענות אז עס שאדט פאר דעם געזונט פון דעם סקווערער רבי'ן. איז לאזט מיך אייך פרעגן, אויב עס שאדט אים טאקע פאר די געזונט, פארוואס זענט איר נישט געווען גרייט צו באצאלן דעם שאדן? פאר פריוואטע פליגערס איז דא געלט, פאר א הויז אין מאליבא איז דא געלט, צו פארן אויף פרעשבורג פאר די געזונט איז דא געלט. ווען עס האט אויסגעפעלט פאר דעם סקווערער רבי'ס געזונט, איז אלעמאל געווען געלט. ביז דא. ווען עס איז געקומען צו יענעם'ס שאדן, און די רעדע איז געווען פון קליין געלט, דא איז פלוצלינג נישט געווען קיין געלט.

די ארבעט וואס מען האט אריינגעלייגט שפעטער אונטערצוברענגען דעם בית המדרש איז שוין געווען פיל טייערער. אבער פארט איז מען נישט געווען גרייט דאס צו טון. מיר זענען זיכער אז רוב חסידי סקווירא ווייסן אפילו נישט פון דעם.

זיי האבן געשיקט שליחים אז מען וויל פארהאנדלען. מיר זענען געווען גרייט יעדעס מאל. זיי האבן געוואלט מיר זאלן אראפקומען קיין שיכון סקווירא, דוקא שבת נאכמיטאג, ווייל דעמאלס קען מען נישט רעקארדירן. די שלוחים פון רבינו שליט"א האבן אראפגעוואקט די האלבע שעה קיין שיכון סקווירא און געהאט עטליכע מיטינגען אום שבת, צו פארהאנדלען מיט די ראשי קהילת סקווירא. יעדעס מאל זענען מיר געווען גרייט זיך צוצושטעלן. אבער יעדעס מאל האבן זיי זיך ארויסגעצויגן די לעצטע מינוט.

נאך איידער פאמיליעס האבן זיך אריינגעצויגן אין געגענט האבן די אנשי בריתו פון רבינו שליט"א זיך געבעטן, אויב איר ווילט דער רבי שליט"א זאל זיך אוועק ציען צו אן אנדערער געגענט איז יעצט דער צייט צו פארהאנדלען. צאלט אונז דעם שאדן און מיר וועלן גיין. ווייל אויב וועלן אנדערע פאמיליעס זיך אריינציען, וועט שוין רבינו שליט"א נישט קענען גיין. ער קען נישט פארנאכלעסיגן און בוגד זיין אין די משפחות וועלכע ציען זיך אהער ווייל ער איז דא.

אבער די סקווירא שליחים האבן געצעגערט ביז עס איז שוין געווען צו שפעט פאר דעם. דערנאך האבן זיי געבעטן אז נאר דאס בית המדרש זאל מען אריבערפירן מיט צוויי גאסן, עס זאל זיין גענצליך ארויס פון דעם מייל. רבינו שליט"א האט אויך אויף דעם מסכים געווען. אבער אונזער באדינג איז אלעמאל געווען נאר איין זאך. צאלט אונז אויס דעם שאדן. מיר בעטן נישט קיין איין פרוטה מער, נאר דעם שאדן. אבער זיי האבן געשלעפט און געשלעפט אן קיין סוף.

דערווייל אבער האבן זיי יא געטון אנדערע זאכן. רבינו שליט"א האט באקומען פאוני קאלס צו זיך אין שטוב, אין אלע שעות פון דעם טאג און די נאכט, יעדן טאג פון די וואך (אויסער שבת...) און דאס איז נאר דער אנהייב. מיר וועלן נישט אויסרעכענען דא אלע אנדערע זאכן וואס מען האט געטון.

יעדע לאקאלע אויסגאבע איז אנגעווארנט געווארן אז מען טאר נישט מפרסם זיין קיין שום זאך וועלכע האט א שייכות צו הילקרעסט. ווען איין אויסגאבע האט בטעות אריינגעלייגט די זמן הדלקת נר חנוכה פון רבינו שליט"א, זענען די שלוחים פון געוויסע עלמענטן אין סקווירא ארום געלאפן אין אלע בתי מדרשים און צוגענומען יענע אויסגאבע פאר עטליכע טעג רצוף, מאכנדיג שווערע שאדן פאר די פרנסה פון א יחיד, צוליב אן אומשולדיגן טעות וואס ער האט געמאכט.

אדרבא, גלייבט אונז נישט, פרעגט זיך נאך ביי סיי וועלכען אויסגאבע אין מאנסי וועט איר הערן. די מעסעדזשעס מיט קללות וואס די אויסגאבעס האבן באקומען יעדעס מאל וואס מען האט יא מפרסם געווען עפעס, זענען געווען אזעלכע וואס פאסן זיך פאר די גרועים שבאומות. אפילו פריוואטע מענטשן וואס וואוינען אין הילקרעסט לאזט מען זיי נישט זיך אדווערטייזן זייערע געשעפטן. און אלעס גייט מיט ווארענונגען און

סטראשערייען, און אויב עס העלפט נישט גייט עס צו פאקטישע אלימות.

הזאת סקווירא? הזאת חסידות? הזאת אידישקייט? ווי שעמט מען זיך נישט? דאס ברענגט כבוד?

ווען מענטשן פון א געוויסע קהילה אין ברוקלין האבן אמאל געשלאגן ליובאוויטשער חסידים, האט דער ליובאוויטשער רבי ז"ל געזאגט, אז אויב שלאגן זיי יענעם וועלן זיי נאך איין טאג שלאגן זיך. געדענקט דעם ווארט. אויב מען שלאגט יענעם וועט מען איין טאג שלאגן זיך. און איך מיין אז איך דארף אייך נישט דערציילן אז דער טאג איז שוין אנגעקומען.

איז דאס דער כבוד פון אייער רבי'ן? באמת פרעגן מיר אייך יעצט. אזוי פארגרעסערט איר זיין כבוד? איר טוט אים דאך נאר פארשעמען. און רעדט אייך נישט איין אז עס גייט ווערן בעסער. עס וועט נאר ווערן ערגער.

-

און אז מען רעדט שוין פון די זאכן ווילן מיר פרעגן נאך א פראגע.

מיט יארן צוריק האט סקווירא געוואלט עפענען מוסדות אין מאנסי. הרה"ק מ'וויזניץ זצ"ל איז דאס נישט ניחא געווען און מען האט אפגעמאכט אז מען גייט אנפרעגן ביי הרה"ק מ'מאכניווקע זצ"ל, וכאשר יאמר כן יעשו.

ווען מען האט אנגעפרעגט האט דער מאכניווקער רבי זצ"ל טאקע געזאגט אז מען זאל נישט עפענען אין מאנסי. פארט אבער זעען מיר אז נאך א צאל יארן האט מען באשלאסן אז דער באפעל פון הרה"ק מ'מאכניווקע איז מער נישט מחייב און מען האט יא געעפנט.

אויב אזוי אפשר מעגן מיר פרעגן, פארוואס נאר דער פסק פון דעם מאכניווקער רבי האט אן עקספיירעישאן דעיט? בפרט אז מען האט אים קלאר געפרעגט איבער דעם. אבער דער רצון פון הרה"ק מ'סקווירא, וואס קיינער האט נישט געהערט פון אים אליינס, דאס פארמאגט שוין נישט קיין עקספיירעישן דעיט? עס איז קאי וקיימא לעולם וועד?

-

**אליכם אישים אקרא.** מיר וועלן רעדן צו אייך דברים כדרבונות, לאמיר זיך אויסטון די פאליטישע הענטשוך און רעדן ווי א איד צו א איד. ווי א חסיד צו א חסיד. און מיר בעטן צום באשעפער און האפן אז אונזערע ווערטער וועלן אריינגיין אין אייערע הערצער. ויהיו לרצון אמרי פינו. ומה' מענה לשון:

מיר האבן שוין דערמאנט דעם ענין אז ווען הרה"ק מ'סקווירא זצוק"ל איז אנגעקומען קיין אמעריקא, איז ער אנגעקומען בעירום ובחוסר כל. נישט מיט קיין געלט און נישט מיט קיין מענטשן.

מיר שרייבן דאס נישט דא חלילה צו פארמינערן דעם כבוד פון דעם הייליגן צדיק, ווייל ביי חסידים האט מען אלעמאל געוואוסט אז די גרויסקייט פון א צדיק רעכנט זיך נישט לויט וויפיל מענטשן ער האט. הרה"ק בעל מאור עיניים האט אויך נישט געהאט קיין סאך חסידים און איז רוב ימיו געווען אן עני ואביון. נאר ביי בנו הרה"ק ר' מאטעלע טשערנאבלער האט זיך אנגעהויבן דאס גרויסע חסידות. פונדעסטוועגן איז דער מאור עיניים נישט געווען קלענער צוליב דעם.

אזוי אויך הרה"ק מ'סקווירא איז נאך געווען באקאנט אלס קדוש עליון אינדערהיים, אלס אינגערמאן, ביי זיין טאטן אין הויף, צו אין ראמעניע, צו אלס קאלאראשער רבי, אלעמאל איז געווען שמו הולך לפניו אלס איש אלוקים קדוש. פארט אבער שפירן מיר פאר וויכטיג צו דערמאנען דעם ענין דא צוליב עטליכע סיבות.

**1)** הכרת הטוב: אין אלע ספרים הק' ווערט דערמאנט דעם גרויסקייט פון הכרת הטוב, און אזוי אויך פארקערט, ווי מיאוס עס איז דאס ענין פון כפיית טובה. און היות דא איז דא אן ענין פון הכרת הטוב, ווילן מיר עס אויסשמועסן דא.

ווען הרה"ק מ'סקווירא האט געוואוינט אין בארא פארק האט ער געהאט גאר שווערע צייטן. ער האט זיך געפלאגט מיט מנין ביז ער האט געמוזט פון דארט עוקר זיין און זיך אריבערציען קיין וויליאמסבורג. אין יענע שווערע צייטן איז עס געווען א פארצייטישער קאסאנ'ער חסיד, הרה"ח ר' גדלי' שווארץ ז"ל, וועלכער איז געשטאנען אויף די גאס און אריינגשלעפט מנין צום רבי'ן, צו די תפילות און די טישן.

ר' גדלי' איז געווען א קאסאנ'ער חסיד בלב ונפש און אין די שפעטערע יארן, ווען כ"ק אדמו"ר זצ"ל האט זיך אריבערגעצויגן פון די בראנקס קיין בארא פארק, האט ר' גדלי' דארט געדאווענט אלע תפילות און אפילו מיטגעברענגט זיינע אייניקלער, וועלכע זענען טאקע דבוק ומקושר לבית קאסאן עד היום הזה.

עס וואלט געווען א ריכטיגע זאך ווען ידידי ואוהדי בית סקווירא זאלן מכיר טובה זיין פאר ר' גדלי', דורך ארויסהעלפן פאר רבינו שליט"א - א נצר לרבותינו הק' לבית קאסאן, און בנו יקירו פון דעם לעצטן רבי'ן פון ר' גדלי' - אז ער זאל זיך קענען געהעריג מסדר זיין און אויפשטעלן זיין הויף, אנשטאט אים שטערן אויף יעדן טריט און שריט.

**2)** אלס טייל פון די דרכי נועם וועלכע מען האט גענוצט קעגן רבינו שליט"א איז געווען עטליכע גליונות וועלכע מען האט פארשפרייט, מאכנדיג ליצנות אויף זיין חשבון. צווישן די ליצנות האט מען מערערע מאל חוזק געמאכט אז רבינו שליט"א איז געקומען דא ווייל מען האט נישט געהאט מנין אינעם פריערדיגן מקום, בעת הרה"ק

מ'סקווירא האט געגרינדעט דעם שטעטל, נישט ווייל ער האט נישט געהאט קיין מנין, נאר ווייל ער האט געוואלט א הייליג ווינקל.

עס ליגט א גרויסע מאס מדות מגונות אין אזא סארט שונד בלעטל, וועלכע מאכט ליצנות פון גדולי ישראל איבער דעם פאקט צו זיי האבן יא אדער נישט געהאט מנין, בפרט ווען דאס ליצנות קומט פון אזעלכע וואס זייער אייגענער רבי האט אויך, אין מערערע תקופות זיך געפלאגט מיט מנין. און ביי איינס פון די תקופות איז עס געווען דוקא א חסיד פון דעם אפגע'חזק'טן הויף וועלכער האט אים געשלעפט מנין.

בארא פארק איז נישט געווען די איינציגסטע תקופה. עס האט דערציילט די וויזניצע רביצין ז"ל, איבער די שווערע צייטן וואס איר פאטער, הרה"ק מ'סקווירא האט געהאט אין ראמעניע, וואו ער האט טאקע נישט געהאט קיין מנין, און ווען ער האט זיך געצויגן קיין קאלאראש איז בכלל נישט געווען דארט אין שטאט קיין מנין שומרי שבת.

**3)** אלס אידישע ברידער, לאמיר נישט פארגעסן אז די וועלט דרייט זיך זייער שנעל. געלט, כבוד און כח זענען א גלגל החוזר בעולם. וויפיל יאר האט געגומען פאר צענדליגער חסיד'ישע הויפן אין רוסלאנד חרוב צו ווערן ביזן גרונד. קיינער ווייסט נישט וואס גייט זיין.

עס האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אן אלטער חסיד פון איינער פון די טשערנאבלער הויפן אין רוסלאנד, וועלכער איז געווען שפעטער פון די חסידים פון הרה"ק מ'מאכניוקע; אז פון די טשערנאבלער הויפן וועלכע האבן זיך געפירט בגדולות איז גארנישט פארבליבן. פון טאלנא און טריסק איז גארנישט געבליבן. נאר פון סקווירא, ראחמיסטריווקא און מאכניווקע, די ביי וועלכע די הנהגה איז געווען שטיל, מיט עניית און עניוות, נאר פון די איז געבליבן עפעס.

יא, יעצט איז סקווירא גרויס, מיט טויזנטער חסידים און קאסאן – וועלכע איז אויך אמאל געווען גרויס – איז יעצט קליין. קיינער ווייסט נישט וואס גייט זיין, און די וואס פארזיכערן זיך אין זייער פיזישער כח זענען זייער קורצזיכטיג און לעבן זיכער נישט מיט ספרי מוסר וחסידות.

נישט אזוי לאנג צוריק איז סקווירא געווען קליין און מען האט זיך צוריק געבויעט מיט חסידים פון אנדערע הויפן, אריינגערעכנט א צאל חסידי קאסאן. אין סקווירא געפונען זיך היינט צענדליגער, אויב נישט הונדערטער, אידן, וועלכע זענען אייניקלעך פון קאסאן'יער חסידים. נעמט דאס צו אייער הארץ און טראכט אריין אין דעם, כי אנשים אחים אנחנו.

אויך לגבי דעם איז שייך דאס ענין פון הכרת הטוב. געדענקט אז אייער מקום וואס איר האט אזוי ליב, האט זיך געבויעט דורך חסידי קאסאן. אביסל הכרת הטוב וועט אין הימל שטארק ארויפגעקוקט ווערן.

זענט איר טאקע גרייט צוליב כבוד המדומה, אדער צוליב תאוות הנצחון פון עטליכע נארישע בעלי בתים, אדער עטליכע נאך נארישערע ווילדע אינגעלייט, זענט איר טאקע גרייט צוליב דעם צו פארלירן אייער צלם אלוקים? איז אייך ווערט צוליב דעם ווייטער צו שמייסן א קהילה בישראל מיט זייער רבי'ן אינאיינעם?

אפשר איז צייט אראפצוקריכן פון דעם בוים? מען האט אייך געגעבן דעם געלעגנהייט, מיר זענען גרייט געווען אוועק צו גיין. יעצט איז דאס נישט שייך מער. אפשר איז שוין צייט שלום צו מאכן מיט דעם מצב. מיר זענען נישט דא אייך אונטערצוברענגען. (אייערע אייגענע נארישע טעראריסטן וועלכע שלאגן אידן אוןווארפן פאשקעווילן דארט ביי אייך אין שטעטל וועלן אייך פיל שנעלער אונטערברענגען... אדרבא, שטעלט זיי שוין אפ, איידער איר וועט דאס אויך פארפאסן) מיר ווילן לעבן מיט אייך בשלום, און אויב איר ווילט נישט, קענט איר באשליסן אז הפרד נא מעלי (כאטש עס איז נישט אידישלעך, אבער מיר וועלן רעספעקטירן אייער ווילן). איר מוזט נישט זיין נאנט מיט אונז. אבער לאזט אונז כאטש לעבן.

ווי עס זאל אבער נישט זיין אייער החלטה איבער'ן עתיד, טראכט אריין איין רגע איבער דעם עבר. די פארגאנגענע פינף און אהאלב יאר פון רדיפות זענען שוין געטון געווארן, ובדברים שבין אדם לחבירו אין יום הכיפורים מכפר עד שירצה את חבירו. כאפט יעצט דעם געלעגענהייט און געבט א נדבה צום נייעם בית המדרש, און דערנאך קומט אריבער צום רבי'ן אויף א בקשת מחילה. מיר זענען זיכער אז רבינו שליט"א וועט אייך מוחל זיין.

און אחרי ככלות הכל רופן מיר אייך נאכמאל בקריאה של חיבה. דער קאמפף איז דורכגעפאלן, דער געגעגנט איז דא, עס איז קאי וקיימא, דאס בית המדרש וועט בעז"ה שטיין. קריכט אראפ פון דעם בוים און לאמיר לייגן דעם עבר אין א זייט. לאמיר שלום מאכן און זיך טרעפן ווי גוטע ברודער. אייערע אינטערעסן פון ערליכקייט און חינוך הבנים והבנות זענען פונקטליך די זעלבע ווי אונזערע. לאמיר ענדיגן דעם נארישן מלחמה און לעבן פון היינט און ווייטער ווי גוטע ברודער.

החותמים בכאב

**חסידי וידידי בית קאסאן-הילקרעסט**